


# באקומען א פענסיע

## אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן

## באקומען א פענסיע קען אפעקטירן אייער בענעפיטן

אויב איר האט פענסיאנירט און איר זוכט נישט קיין ארבעט, זענט איר נישט בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייַט אינשורענס בענעפיטן. אויב איר האט פענסיאנירט פון אן ארבעט און איר זוכט אקטיוו אנדערע ארבעט, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיקייַט אינשורענס בענעפיטן. איר מוזט נאכקומען די זעלבע באדינגונגען ווי אלע אנדערע קלעימענטס.

אייערע בענעפיטן וועלן ווערן פארמינערט מיט 100 פערצענט פון דער סומע פון די פענסיע וואס איר באקומט אויב אייער באזע צייט-אפשניט* ארבעטסגעבער האט בייגעשטייערט צו דעם, אפגעזען אויב איר האט יא אדער נישט בייגעשטייערט צו די פענסיע. אויב איר זענט געווען דער איינציגסער בײשטייערער צו די פענסיע, וועלן אייער בענעפיטן נישט פארמינערט ווערן.

אויב איר ווערט בארעכטיגט פאר א פענסיע בשעת איר באקומט ארבעטסלאזיקייַט אינשורענס בענעפיטן, מוזט איר מעלדן די טעלעפאן קלעימס סענטער אויף **888-209-8124** אדער **877-358-5306** (פון אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט). אויב איר מעלדט אונז נישט, קענט איר באקומען אן איבערצאלונג פון בענעפיטן וועלכע איר וועט דארפן צוריקבאצאלן. איר קענט אויך זיין אויסגעשטעלט צו אנדערע שטראפן.

## קען אנדערע סארטן ריטייערמענט באצאלונגען פארמינערן ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן?

יא. דער פענסיע פארמינערונג איז נוגע פאר א רעגירונג אדער אנדערע סארט פענסיע, ריטייערמענט אדער ריטייערד באצאלונג, אניואיטי אדער סיי וועלכע אנדערע ענליכע פעריאדישע באצאלונג וואס איז באזירט אויף פריערדיגע ארבעט.

## 401(K) ביישטייערונגען און ארבעטסלאזיקייט אינשורענס ראטעס

אויב אייער געוועזענער ארבעטסגעבער איז א באזע צייט-אפשניט* ארבעטסגעבער, קען אייער בענעפיט ראטע פארמינערט ווערן אויב איר באקומט א 401(k) באצאלונג וואס אייער געוועזענער ארבעטסגעבער האט בייגעשטייערט. דאס איז גילטיג אויב איר באקומט 401(k) באצאלונגען פון צייט צו צייט אדער אויב איר זענט ארבעטסלאז צוליב אייער ריטייערמענט אבער איר בלייבט אקטיוו אין די ארבעטס-קראפט, און איר באקומט אן איין-מאליגע סומע באצאלונג.

## קוואליפיצירטע IRA'ס און ארבעטסלאזיקייט אינשורענס ראטעס

אויב איר שיקט אייער פענסיע, 403(b) ,401(k) אדער אנדערע פענסיע באצאלונג צו א קוואליפיצירטע IRA, וועט איר נישט זיין אויסגעשטעלט צו קיין ראטע פארמינערונג.

*באזע צייט-אפשניט: פיר פולקאמע קאלענדער פערטלעך אין וועלכע מען האט אייך באצאלט א מינימום סומע פון ווערדזשעס צו קוואליפיצירן פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.